# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען אין די יאר תשכ"ה. אייזיק פרעגער (נישט זיין עכטע נעמען) און זיין בני בית פון פילאדעלפיע, האבן געזוכט א "קעמפּ" פער זייער 15 יעריגע בחור וואס האט געהייסן "בעני" (בנימין). ליידער, כאטש אפילו די פרעגער משפחה איז געווען שומר תורה און מצוות, האבן זיי געשיקט בעני צו שטודירען אין א פאבליק סקול. אין די נאכמיטאג שעות פלעגט בעני לערנען אין א "היברו סקול." דאס וואס בעני האט נישט געהאט א געהעריגע אידישע סביבה, האט גורם געווען אז בעני האט געבעטן פון זיינע עלטערן צו גיין צו א נישט אידישע קעמפּ אין די זומער. אפילו די עלטערן זענען געווען מאדערנע, האבן זיי נישט געוואלט לאזן בעני גיין צו יענעם קעמפּ. בעני האט זיך גע'עקש'נט, און די עלטערן האבן נישט געוואוסט וואס צו טון.

איין טאג דערנאך, האט בעני'ס טאטע געזען ערגעץ אן אדווערטייזמענט פאר א אידישן קעמפּ וואס הייסט "קעמפּ זִמרה." אויפ'ן צעטל איז געשטאנען אז דער קעמפּ איז אן ארטאדאקסישע קעמפּ וואס איז א "לערנען שפילן קעמפּ." בעני'ס טאטע האט עס געוויזן פאר בעני און ער האט מסכים געווען צו גיין צו אזא קעמפּ. די עלטערן און בעני זענעןביידע צופרידן געווען. באלד דערנאך איז בעני ארויף אויף א באס און ער איז געפארן צו דעם ארטאדאקסישען קעמפּ וואס מען "לערנט שפּילן."

דער ערשטער טאג אין דעם קעמפּ, איז בעני געוואר געווארן אז "קעמפּ זִמרה" איז נישט געווען קיין קעמפּ וואו מען לערנט שפּילן און אנדערע נער'ישקייטן און ביטול תורה'ס. נאר וואס? דער קעמפּ איז געווען א עכטע תורה–לערנען קעמפּ מיט נאר א שעה פרייע צייט יעדען טאג צו טון וואס מען וויל. יעצט האט בעני פארשטאנען דעם אדווערטייזמענט, "קעמפּ זִמרה" איז געווען א קעמפּ וואו מען לערנט און מען שפּילט, נישט א פלאץ וואו מען לערנט שפּילן. בעני איז געווען זייער אנטוישט, און ער האט געוואלט כאפּען דעם ערשטן באס אהיים.

אינעם ערשטן טאג ביים ערשטען שיעור, האט בעני זיך אנגערופן צו דעם רבי אין דעם בית מדרש אז ער האט קיינמאל נישט געלערנט קיין גמרא. דער רבי איז געווארן איבעראשט. אבער, בעפאר בעני האט געקענט פארשעמט ווערן, האבן עטליכע בחורים זיך אויפגעשטעלט און געזאגט אז זיי זענען גרייט צו העלפן בעני קענען לערנען גמרא. און אזוי איז טאקע געווען, די בחורים האבן שטארק מקרב געווען בעני און ער האט אנגעהויבן צו לערנען צוביסלעך. ביז דעם ענד פונעם זומער איז ב"ה בעני געווארן שטארק אינטערעסירט אין לערנען. ער איז אהיימגעקומען אן אנדערע מענטש.

נאכדעם וואס ער איז אהיימגעקומען, איז ער געווארן אימער פרומער און פרומער. עטליכע יארן שפּעטער האט ער ב"ה א פיינע שידוך געטון. ער האט זיך אדורך געשמועסט מיט זיין פרוי אז ער וויל מקדש זיין זיין לעבן צו לערנען תורה מיט שוואכע בחורים וועלכע האבן נישט געהאט דעם געלעגענהייט צו לערנען די הייליגע תורה.

איין טאג, א פאר יאר נאך זיין חתונה אין די יאר תשל"ה, האט בעני געהערט וועגן א געלעגענהייט צו נעמען א שטעלע אלס מלמד תשב"ר אין דעם שטאט פִּינעקס, עריזאונע, בערך 2000 מיל אוועק פון דא אויפ'ן מערב זייט פון אמעריקע. דאס איז געווען א געוואלדיגע געלעגענהייט ווייל די קהילה אין יענעם געגענט איז געווען גאר שוואך, עס זענען געווען נאר צוויי שולן אין שטאט פִּינעקס. בעני האט שוין געטראכט ווי סאך ער וועט קענען אויפטון דארט. אבער, בעני האט געהאט ספיקות אויך, ווייל די נענטסטע מקוה צו פִּינעקס איז געווען א שעה אוועק אין שטאט "טאסון." עס וועט זיין א גרויסע טרחה פאר בעני צו פארן צו דער מקוה יעדן טאג פאר'ן דאווענען און אין ערב שבת קודש. צום סוף, האט בעני זיך דורכגעטראכט און ער האט זיך מיישב געווען אז ער וויל נעמען דער שטעלע. אבער, ער האט געמאכט א תנאי אז ער וועט נישט בלייבן מער ווי צוויי יאר אויב זיי וועלן נישט בויען א מקוה אין פִּינעקס.

באלד דערנאך זענען בעני און זיין משפחה געפארן וואוינען אין פִּינעקס. אלעס איז געווען פיין און וואויל, בעני האט מצליח געווען מיט זיינע תלמידים, און ער האט צוביסלעך אריינגעברענגט א תורה'דיגע רוח אין דעם קליינעם תלמוד תורה. אבער, איין זאך האט געשטערט בעני: למעשה איז עס געווען גאר שווער אנצוקומען צו דער מקוה יעדן טאג פאר'ן דאווענען און אין ערב שבת קודש. ווייל כאטש אפילו עס איז געווען "נאר" א שעה אוועק, איז דאס פארן געווען גאר שווער וועגן דעם שווערן וועטער פון דער היץ און דעם ווינד אין דעם שווערן מדבר פון עריזאונע.

בעני האט געטראכט וועגן אפלאזן און אהיימפארן פון פִּינעקס, אבער ער האט נישט געוואלט אפלאזן די תלמידים וועלכע האבן אזוי שטארק געברויכט א גוטען רבי'ן. וועגן דעם, איז בעני געווארן אן עסקן פאר'ן צוועק צו בויען א מקוה אין פִּינעקס. עס האט גענומען כמעט א יאר צו ערלעדיגען דעם געלט און דעם פלאץ וואו צו בויען דער מקוה. באלט דערנאך, האבן זיי אנגעהויבן צו בויען די מקוה.

די בויען פון דער מקוה איז געגאנגען לויטן פלאן. אבער עס איז געבליבן א גרויסער פראבלעם: פון וואו זאל מען פארשאפן כשר'ע וואסער פאר די מקוה. די מקוה איז נישט געווען איבער א קוואל. וועגן דעם האבן זיי געדארפט רעגן וואסער. אבער, דער פראבלעם איז געווען אז פִּינעקס געפינט זיך אין א ריזיגן מדבר, וואו עס רעגנט כמעט קיינמאל נישט! דער רב פונעם קהילה האט געפרעגט א שאלה פון רב משה פיינשטיין זצ"ל. רב משה האט גע'פסק'נט אז אין אזא פאל מעג מען נעמען שניי אין אנפילן דעם מקוה.

יעצט האט מען געהאט א פרישען פראבלעם, ווייל וואו קען מען פארשאפן שניי אין די געגענט? אונזער טייערער עסקן בעני האט געטראפן אן עצה. מיט דער הסכמה פון רב משה זצ"ל, האט ער געפלאנט צו טון אזוי: ער וועט ברענגען שניי אין א טראק פון די בערג די "ראקי מאוינטענס" וועלכע זענען עטליכע שעות אוועק פון פִּינעקס. כדי די שניי זאל נישט פסול ווערן דורך רירן די אייזענע ווענט פונעם טראק, האט בעני געמאכט א ריזיגע האלצענע קערבעל צו האלטן די שניי. די גאנצע זאך וועט קאסטן א ריזיג סכום געלט. אבער גאר נישט האט צוריקגעהאלטן בעני.

אלעס איז געווען גרייט און בעני האט שוין באשטעלט דעם טראק. בעני איז געווען אזוי פריילעך אז זיי וועלן באלד ענדיגען דער מקוה און ער וועט קענען בלייבן אין פִּינעקס. אבער, די מקוה איז נאך נישט אינגאנצן גרייט געווען ווייל זיי האבן נישט געלעגט דעם דאך. אן דעם דאך האבן זיי גארנישט געקענט טון.

דעם נעקסטען טאג איז בעני אריינגעלאפן צו דעם רב פון דער קהילה. ער איז אריין מיט א גרויסן שמייכל. דער רב האט אים געפרעגט פארוואס ער שמייכלט. "איך האב געהערט אז מארגן גייט רעגענען. אפשר קענען מיר אראפנעמען דעם שטיקל סחורה פונעם דאך כדי עס זאל קענען אריינרעגענען און אונזער מקוה." דער רב האט מסכים געווען דערצו, אבער ער האט נישט געגלייבט אז עס וועט קומען א גרויסע רעגען, ווייל עס האט כמעט קיינמאל נישט גערעגענט אין פִּינעקס.

אין דעם נעקסטען טאג האט עס אנגעהויבן צו רעגענען. ביים אנהייב איז עס געווען נאר קליינע טראפן. דאן, צוביסלעך האט עס זייער שטארק געגאסן. בעני איז געלאפן צו דער מקוה וואו ער האט געקוקט ווי די וואסער ווערט העכער און העכער. עס האט גערעגענט דעם גאנצן טאג און נאכט. עס האט גערעגענט אזוי שטארק אז די גאסן אין פִּינעקס זענען איבערגעפילט געווארן מיט וואסער.

ווען עס האט געענדיגט רעגענען, איז דער מקוה ב"ה געווען פיל! היינט, כמעט 30 יאר שפּעטער, ניצט מען נאך אלס דעם זעלבן וואסער פון דעם שטארקן רעגן! (ווייל אין אמת'ן אריין טובל'ט מען זיך אין דעם שטאטישע וואסער, וואס רירט זיך דעם רעגן וואסער דורך השקה.) בעפאר דעם גרויסן רעגן, האט עס אלע יארן פון דער היסטאריע פון פִּינעקס קיינמאל נישט גערעגענט אזוי שטארק, און אין אלע יארן זייט דעמאלט האט עס קיינמאל נישט גערעגענט אזוי שטארק!

פון דער מעשה זעט מען אסאך ענינים אין עבודת ה'. אבער לאמיר ארויסברענגען איין נקודה וואס קען אונז מעורר זיין יעצט ווען מען גרייט זיך צו צו דעם הייליגען יום טוב פון שבועות. רש"י הקדוש זאגט אויפ'ן פסוק אין די פרשה: "ואלה תולדת אהרן ומשה..." (במדבר ג,א) אז "מלמד שכל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו." ד"ה, איינער וואס לערנט תורה מיט דעם זון פון איינעם וואס קען נישט קיין תורה, באקומט די זכות אז כאילו ער האט געבוירן דעם קינד. פון דא זעט מען דעם גרויסקייט פון לערנען מיט די וועלכע זענען שוואך אין תורה: וועט מען פאררעכענט אזוי ווי זיין טאטע. נאך מער, ווייסט מען אלע מעשים טובים וואס יענער (דער שוואכער) טוט ווייל מען האט געלערנט מיט אים תורה, ווערט גערעכענט אין דעם חשבון פון דעם מלמד!

זעט מען פון אונזער מעשה אז די בחורים וועלכע האבן געלערנט תורה מיט בעני, האבן די זכות פון א מקוה אין דעם מדבר פון פִּינעקס! נישט נאר דאס, אבער זיי האבן אויך א חלק אין אלע מצוות פון די קינדערלעך וועלכע בעני האט מיט זיי געלערנט תורה. איז לאמיר זיך מחזק זיין אין דעם ענין און זוכן שטענדיג דעם געלעגענהייט צו לערנען מיט מענטשן וועלכע האבן ביז דערווייל נישט זוכה געווען צו האבן מיט וועמען צו לערנען ווי עס דארף צו זיין. דורך דעם קענען מיר ווייזן פאר'ן אייבערשטען ווי פריילעך מיר זענען טאקע צו מקבל זיין דעם תורה און דאן וועלן מיר זוכה זיין "ללמוד וללמד לשמור ולעשות." (אבות ד,ה) **גוט שבת אלע אידן.**

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362–3234 (845)

נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!